ב״ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ג׳ סיון תשס״ה

## פרשת נשא

טייערע קינדער שלוחים,

"שהחיינו וקיימנו והגיענו" ....מיר זיינען כמעט אנגעקומען!! דעם וואך איז דעם הייליקן יום טוב פון שבועות!! קינדער, זיכער ווייסט איר וואס איז געשען ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה צו אידן. דער אויבערשטער האט געפרעגט די אידן ווער וועט זיכער מאכן אז זיי וועלן היטן זיין ספעציעלע מתנה. האבן די אידן געזאגט "אונזערע חכמים, צדיקים, און אונזערע עלטערע מענטשן וועלן זיכער מאכן אז מיר וועלן היטן די תורה."

אבער, דער אויבערשטער האט ניט מסכים געווען צו דעם. ביז די אידן האבן געזאגט אז די קינדער וועלן זיין די וואס וועלן זיכער מאכן אז אידן וועלן היטן די תורה און אז תורה וועט אריבערגיין פון איין דור צום צווייטן. דעמאלט האט ה׳ מסכים געווען און האט געגעבן די תורה צו אידן – אלץ צוליב די קינדער!! דערפאר איז אזוי וויכטיג אז אויף שבועות זאלט איר אלע גיין אין שוהל, און איינרעדן אנדערע קינדער ארום אייך צו גיין אין שוהל און הערן די עשרת הדברות. און לאמיר בעטן אז דעם יאר שבועות זאלן מיר זיין אין ירושלים מיט דעם בית המקדש!!

איידלה וועכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת בהר

ברכת כהנים

אין פרשת נשא זאגט די תורה די ברכות וואס די כהנים דארפן בענטשן אידן:

**יברכך ה׳ וישמרך. יאר ה׳ פניו אליך ויחנך. ישא ה׳ פניו אליך וישם לך שלום.**

פרשת נשא לייענט מען אלעמאל אין דער וואך פון חג השבועות, זמן מתן תורתנו, ווען אידן נעמען אן אויף זיך צו לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות.

דערמיט לערנט אונז די תורה, אז דורך דעם וואס מ׳האלט זיך בא דער תורה הקדושה, ואס דעמאלט ווערט מקויים אז יעדער איד און אלע אידן ווערן א "גוי קדוש" (ווי דער אויבערשטער האט געזאגט נאך פאר מתן תורה) - באקומט מען די אלע ברכות פון אויבערשטן:

**יברכך ה׳ וישמרך:** דער אויבערשטער בענטשט יעדער אידן און פארהיט אים בתוככי כלל ישראל:

**יאר ה׳ פניו אליך ויחנך:** דער אויבערשטער באווייזט יעדער אידן א ליכטיקן פנים, און גיט אים חן ביי אלעמען, ביז אויך ביי אלע פעלקער:

**ישא ה׳ פניו אליך וישם לך שלום:** דער אויבערשטער פארגיט, ער איז מוחל אויף די אלע זאכן וואס ס׳האט אמאל געטראפן ניט ווי עס דארף–צו–זיין, און ער גיט יעדערן דעם אמת׳ן שלום.

און דערנאך פארענדיקט מען - **ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם**, אז די כהנים דערמאנען דעם אויבערשטנ׳ס נאמען, אין אן אופן אז דאס ווערט "אנגעטאן" אויף יעדער אידן ("ושמו את שמי על בני ישראל"), און דעמאלט איז "ואני אברכם": דער אויבערשטער איז מוסיף נאכמער אין זיינע ברכות.

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער – ר״ח סיון תשמ״א)*



## משיח נאו!

דער בעל שם טוב האט דערציילט אז זיין נשמה איז אמאל ארויפגעגאנגען אין הימל צו דער היכל וואו דער נשמה פון משיח איז, און ער האט געפרעגט "אמתי קאתי מר?– משיח, ווען וועסטו קומען?" האט משיח אים געענטפערט "לכשיפוצו מעינותך חוצה, ווען דיינע קוואלן פון חסידות וועלן זיך צושפרייטן אין גאנץ וועלט, דאן וועל איך קומען."

טייערע קינדער שלוחים, דורך אייערע ארבעט פון צושפרייטן חסידות, ברענגט איר די התגלות פון משיח!!



# דעם חסידישן לוח

## אן אות אין ספר תורה און מתן תורה

מ'האט שוין פיל מאל גערעדט וועגן דעם אז יעדער אידיש קינד דארף האבן אן "אות" אין איינעם פון די "ספרי תורה הכלליים" - די ספרי תורה וואס מ'האט געשריבן פאר אלע אידישע קינדער און אין וועלכע אידישע קינדער האבן געקויפט אותיות.

וואס איינער פון די טעמים אויף דעם איז:

עס ווערט ערקלערט אין ספרים אז יעדער איד האט אן "אות" אין תורה, וואס דער "אות" פארבינדט די נשמה פון דעם אידן מיט תורה. און בשעת מען קויפט אן אות אין א ספר תורה, פארשטארקט דאס דעם פארבונד פון דעם אידן מיט תורה.

דערפון איז פארשטאנדיק די גרויסע ווירקונג וואס חג השבועות, "זמן מתן תורתנו", האט ספעציעל ביי די אידישע קינדער וועלכע האבן אן אות אין א ספר תורה.

יעדן יאר אין חג השבועות, "זמן מתן תורתנו", באקומען אידן פון-דאס-ניי די תורה, וואס דאס פארשטארקט און באנייט דעם פארבונד וואס אידן האבן מיט דער תורה. און ביי די אידישע קינדער וועלכע האבן אן אות אין א ספר תורה, וואס דאס פארבינדט זיי אויף א שטארקערן אופן מיט תורה, ווערט אט די ספעציעלע פארבינדונג מיט תורה באנייט און פארשטארקט יעדן יאר אין זמן מתן תורתנו.

דאס מאכט אז תורה זאל ווערן גאר נאענט צו זיי - "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" (עס איז דיר זייער נאענט, אין רעדן, טראכטן און טאן) - און גיט זיי ספעציעלע כוחות און שטארקייט צו מנצח זיין אין זייער מלחמת היצר, ווי אויך צו קענען ארויסהעלפן די וואס געפינען זיך ארום זיי צו היטן תורה און מצוות, "בפיך ובלבבך לעשותו".

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - שיחת י' סיון תשמ"ב)*

## הסתלקות הבעל שם טוב

חג השבועות תק"כ איז דער יום טוב פארביטערט געווארן מיט א שווערע בשורה. דער הייליקער בעל שם טוב איז נסתלק געווארן.

דער בעל שם טוב האט איבערגעקערט דעם וועלט מיט זיין נייע וועג אין עבודת ה' - דעם דרך החסידות.

דער בעל שם טוב איז באגראבן געווארן אין מעזיבוש . דעם נעקסטן יאר אויף שבועות האט זיין תלמיד דער מעזריטשער מגיד איבערגענומען אלס דעם נעקסטן רבי'ן. דעם טאג איז א ספעציעלע טאג צו שטארקן אונזער לערנען און טאן אין דרכי החסידות. אויף חג השבועות, האט דער רבי פיל מאל גערעדט אויף שטארקן דעם ענין פון זאגן חת"ת - חומש, תהלים און תניא יעדן טאג. חת"ת איז פארבונדן מיט חג השבועות: חומש - ווייל שבועות איז זמן מתן תורתנו, תהלים - ווייל דוד המלך,וואס ער האט געשריבן ספר התהלים, איז נפטר געווארן אויף שבועות, און תניא - ווייל דער בעל שם טוב -וואס ער האט אנגעהויבן דרך החסידות וואס דער אלטער רבי'ס האט ממשיך געווען -איז אויך נסתלק געווארן אויף שבועות.



# דערציילט מיר א מעשה

*קינדער, דער רבי איז אונזער טאטע. ער פילט מיט מיט אונז און ער דאגה'ט פאר אונז. א ספעציעלע ליבשאפט באווייזט דער רבי פאר זיין טייערע שלוחים.*

איין מאל איז איינער ארייגעגאנגען אין דער רבי'ס צימער פאר יחידות. ער האט געזען אז דער רבי זעט אויס זייער אומצופרידן. מיט אביסעלע חוצפה - ווייל א חסיד פרעגט ניט אויף דער רבי- האט ער געפרעגט דער רבי אויף דעם .

דער רבי האט אים געענטפערט אז עס איז פאראן א משפחה אין קראון הייטס וואס האבן 6 קינדער. די עלטערע 5 האבן שוין חתונה געהאט און לעבן אין ווייטע ערטער אויף שליחות. און לעצטנס האט דער אינגסטע קינד חתונה געהאט.

ניט לאנג נאכן חתונה, האט זי, צוזאמען מיט איר מאן, געפרעגט דער רבי פאר א ברכה אויף דער שליחות וואס זיי האבן געפונען.

דער רבי האט געגעבן זיין ברכה אויפן תנאי אז די עלטערן זיינען מסכים. די עלטערן האבן מסכים געווען וויסנדיק אז דאס מיינט אז זיי וועלן בלייבן אליין.

"יעצט", האט דער רבי געזאגט, "זיינען זיי ביים לופטפעלד, און זיי זעגנען זיך. און פארשטייט זיך אז זיי וויינען . טאקע זיינען זיי צופרידן פארן אויף שליחות, און די טרערן זיינען טרערן פון שמחה, אבער ווען זיי וויינען, ווי קען איך ניט וויינען?!"




**פארגעסט נ'יט צו**
**ציילן ספירת העומר!**



פרקי אבות
פרק חמישי



# קבלת התורה
# בשמחה ובפנימיות!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, אסרו חג–ח' סיון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—פרשת נשא

א. וואס האט דער אויבערשטער געבעטן אידן פאר ער האט זיי געגעבן דער תורה? ______________________

ב. וועלכע ענטפער פון די אידן האט דער אויבערשטער אנגענומען? ______________________

ג. וואס לערנען מיר פון דעם אז מיר לייענען ברכת כהנים לעבן די צייט פון מתן תורה? ______________________

ד. וואס זאגט דער רבי אז יעדער אידישע קינד זאל האבן? ______________________

ה. ווער איז נפטר געווארן אויף שבועות? ______________________

ו. וואו איז ער באגראבן געווארן? ______________________

ז. וואס האט ער אנגעהויבן? ______________________

ח. וואס האט ער געפרעגט משיח? ______________________

ט. וואס האט משיח געענטפערט? ______________________

י. וואס קענט איר טאן אויף ברענגען משיח? ______________________

______________________

**דער געווינער פון פרשת במדבר: <u>מנחם מענדל פלטיאל, 10</u>**

נאמען: ______________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ______________________

אי-מייל: ______________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org